בס"ד

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

תשע"ט | פרשת בלק | 287

## מאוצרות אמונים
### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### א קללה אן דערמאנען א נאמען

**"הִנֵּה עַם יָצָא מִמִּצְרַיִם הִנֵּה כִסָּה אֶת עֵין הָאָרֶץ וְהוּא יֹשֵׁב מִמֻּלִי. וְעַתָּה לְכָה נָּא אָרָה לִּי אֶת הָעָם הַזֶּה"** (כב ה-ו)

מ'דארף פארשטיין: פארוואס האט בלק נישט דערמאנט די אידן מיט זייער נאמען. און נאך, פארוואס האט ער געבעהטן פון בלעם ער זאל קומען קיין מואב, ער האט דאך געקענט שעלטן פון וואו ער וואוינט?

זאגט **רבי שלמה קלוגער** פון בראד אז די צוויי שאלות ווערן פארענטפערט איינס דורכן צווייטן:

אין גמרא (ברכות לד א) ווערט ערקלערט אז דער וואס דאוונט אויף א צווייטן דארף נישט דערמאנען זיין נאמען, פסק'נט דער מגן אברהם (או"ח קיט א) אז דאס איז דוקא ווען זיין חבר געפינט זיך נעבן אים, אבער אויב ער נישט נעבן אים, דארף ער יא דערמאנען זיין נאמען.

ווייל בלק האט געוואוסט אז דער נאמען 'ישראל' האט אין זיך א ספעציעלע קדושה, סיי צוליב די נאמען אליין, און סיי ווייל אין דעם איז דא דעם אויבערשטנ'ס נאמען - 'א-ל', און דאס וועט אפהאלטן די קללה, דעריבער האט ער געוואלט מ'זאל זיי שעלטן אן דערמאנען זייער נאמען. און דאס האט ער געזאגט פאר בלעם: "לְכָה נָּא אָרָה לִּי אֶת הָעָם הַזֶּה" - וואו איך וואוין, ווייל: "וְהוּא יֹשֵׁב מִמֻּלִי", און ווען דו וועסט זיי זעהן וועסטו קענען ווייזן אויף זיי מיט דיין פינגער אן צו דערמאנען זייער נאמען.

'אמרי שפר'

### א עקסטערע שוהל פאר יעדע עדה

**"וַיִּשָּׂא בִלְעָם אֶת עֵינָיו וַיַּרְא אֶת יִשְׂרָאֵל שֹׁכֵן לִשְׁבָטָיו... מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב"** (כד ב;ה)

"מה ראה? ראה שאין פתחי אהליהם מכוונין זה לזה, אמר: ראויין הללו שתשרה עליהם שכינה" (ב"ב ס א).

זאגט דער לעמבערגער רב **רבי יוסף שאול נאטאנזאהן**:

אין ספר 'פרי עץ חיים' (ריש שער התפילה) ברענגט רבי חיים וויטאל אין נאמען פון זיין רבי דער אר"י הקדוש, ווייל יעדע שבט האט א עקסטערע נוסח תפילה, און זיין תפילה גייט ארויף דורך זיין ספעציעלע טויער אין הימל, דעריבער אין הימל איז פאראהן צוועלעף טויערן אנצונעמען די תפילות, אקעגן די צוועלעף שבטים. און מהרח"ו שרייבט אז פון דא שטאמט די פארשידענע נוסחאות ביים דאווענען, צוליב וואס עס זענען דא צוועלעף טויערן.

מיט דעם קען מען טייטשן דעם פסוק: "וַיִּשָּׂא בִלְעָם אֶת עֵינָיו וַיַּרְא אֶת יִשְׂרָאֵל שֹׁכֵן לִשְׁבָטָיו" - ווען בלעם האט געזעהן אז יעדע שבט פון כלל ישראל דאוונט א עקסטערע נוסח, האט ער פארשטאנען אז די סיבה איז ווייל: "אין פתחי אהליהם [זייערע שוהלן] מכוונין", און יעדע שבט האט א עקסטערע שול, און די תפילה פון יעדע שבט גייט ארויף נאר דורך דער טויער וואס איז מיוחד צו אים. וועגן דעם האט ער זיי געלויבט: "מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב" - ווי שיין איז ענקער מנהג צו האבן עקסטערע שוהלן פאר יעדע געמיינדע עקסטער, ווייל אויף דעם וועג וועט יעדע געמיינדע קענען דאווענען מיט דעם נוסח וואס זיי האבן מקבל געווען פון זייערע עלטערן, און אזוי וועלן זייערע תפילות אנגענומען ווערן.

'דברי שאול' השמטות סוף מהדו"ק

## רזי אמונים
רמזים פון אמן אין די פרשה

### 'כארי יתנשא' אין זכות פון 'אמן'

**"הֶן עָם כְּלָבִיא יָקוּם וְכַאֲרִי יִתְנַשָּׂא"** (כג כד)

"הֶן עָם כְּלָבִיא" - די סופי תיבות איז: 'אמן'. "יָקוּם" זענען די אותיות 'ק' יום'. דא האט דער פסוק מרמז געווען אויף דער 'אמן' וואס ווערט געזאגט נאך די מאה ברכות וואס יעדער דארף זאגן יעדן טאג. און דאס האט בלעם געזאגט פאר בלק: איך קען נישט שעדיגן די אידן מיט מיין קללה, ווייל זיי שטארקן זיך ווי א לייב אין זכות וואס זיי זענען מקפיד צו ענטפערן 'אמן' נאך יעדע ברכה.

'תולדות יעקב' [פון ר"י דה אלבה, ווענציע שס"ט]

### דער טעם פון זאגן 'מה טובו' פארן דאווענען

**"מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב מִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל"** (כד ה)

דעם פסוק איז אריינגעדרוקט אין די סידורים מ'זאל עס זאגן אנהויב שחרית. די מפרשים וואונדערן זיך: פארוואס האט מען באשלאסן אנהויבן דאס דאווענען פונקט מיט דער פסוק וואס בלעם הרשע האט געזאגט און נישט, להבדיל, מיט א פסוק פון א אידישער נביא?

און זיי ערקלערן עס אויף עטליכע וועגן:

א. דער **'שפת אמת'** ערקלערט אז עס איז דא א עקסטערע ענין דערמאנען די ווערטער פון בלעם, ווייל מיט דעם זענען מיר מקיים די ציווי (מיכה ו ה): "עַמִּי זְכָר נָא מַה יָּעַץ בָּלָק מֶלֶךְ מוֹאָב וּמֶה עָנָה אֹתוֹ בִּלְעָם בֶּן בְּעוֹר... לְמַעַן דַּעַת צִדְקוֹת ה'".

ב. **רבי ברוך עפשטיין** פון פינסק זאגט אז ווען אזא איינער ווי בלעם הרשע וואס האט פיינט געהאט די אידן זאגט די ווערטער, דאס איז א באווייז אז ס'איז ריכטיג. אנדערשט איז אויב א אידישער נביא וואלט ווען אזוי געזאגט, וואלט מען געקענט זאגן אז זיינע ווערטער זענען געזאגט געווארן נאר צוליב זיין אהבת ישראל.

ג. אין ספר **'יגדיל תורה'** ווערט געברענגט נאך א ערקלערונג:

יעדער איד וואס קומט דאווענען צום אויבערשטן, שטויסט זיך אן אויפן וועג מיט אסאך משטינים און מקטרגים וואס ווילן אים שטערן דאס דאווענען.

וועגן דעם, מיטן זאגן 'מה טובו' איז מען זיי מרמז - עס וועט ענק גארנישט העלפן! אויך בלעם האט אונז געוואלט שעלטן, און געבעט א קוק וואס עס האט שפעטער פאסירט מיט אים, אויך ענק, לערנט זיך פון דעם, אז דער וואס וויל שעלטן, וועט אין ענדע זיי בענטשן אן א אויפהער...

'ליקוטי יהודה'; 'ברוך שאמר' סידור התפילה עמ' ה'; 'יגדיל תורה'

### נאר די ברכה פון 'מה טובו' איז איבערגעבליבן לברכה

**"מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב מִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל"** (כד ה)

אין גמרא (סנהדרין קה ב) לערנט מען ארויס פון דער פסוק (דברים כג ו): "וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה" - וואס איז געזאגט געווארן בלשון יחיד, אז נאר די איינע ברכה: "מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב..." איז איבערגעבליבן א ברכה, אבער די אנדערע ברכות זענען צוריק געווארן קללות אזוי ווי די ארגינעלע כוונה פון בלעם.

פון וואו האבן די חכמים געוואוסט אז דער פסוק באציהט זיך דווקא אויף 'מה טובו'?

ערקלערט **רבי שלמה זלמן אויערבאך**:

עס איז דא א אונטערשייד צווישן א ברכה און א תפילה; די ברכה ווערט געזאגט בלשון נוכח, אנדערשט ווי א תפילה וואס ווערט געזאגט בלשון נסתר. אויב מיר וועלן אריינטראכטן אין די ברכות פון בלעם וועלן מיר זעהן אז אלעס איז געזאגט געווארן בלשון נסתר, אויסער די ברכה 'מה טובו אהליך' וואס איז געזאגט געווארן מיט א לשון נוכח. דאס טוט אונז אויפווייזן, ווי געזאגט, אז דאס איז ראוי צו ווערן אנגערופן א 'ברכה' מער פון אלע אנדערע ברכות, און פון דעם האבן די חכמים פארשטאנען אז דאס מיינט דער פסוק: "הקללה **לברכה**".

'הליכות שלמה' תפילה עמ' רכה

### אסאך שוהלן - איז נישט קיין גוטע סימן

**"מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב מִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל"** (כד ה)

ווען **רבי שמעון סופר** איז אויפגענומען געווארן צו דינען אלץ דער רב פון קראקא, און האט זיך איבערגעצייגט אז אין שטאט זענען דא ארום הונדערט שוהלן, האט ער זיך אנגערופן מיט א ווערטל:

נישט אומזינסט זאגן די חכמים (סנהדרין קה ב) אז אלע ברכות פון בלעם זענען איבערגעדרייט געווארן אויף א קללה אויסער די ברכה פון 'מה טובו אהליך יעקב' וואס איז געזאגט געווארן אויף די בתי כנסיות און די בתי מדרשות. ווייל די אלע ברכות האט ער געזאגט געצווינגענערהייט צוליב די באפעל פון ה', אבער מיט די ברכה פון 'מה טובו' האט ער זיך בדיעבד געפריידט, ווייל ווי מער שוהלן עס וועט זיין, וועט זיין מער פירוד לבבות צווישן זיי.

'דבש וחלב'

## הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא

ווערטער וואס דער הייליגער רבי בעל 'שפע חיים' פון צאנז האט געזאגט ביי זיין 'חומש רש"י' שיעור פרשת בלק תשל"ט:

"איך האב שוין עטליכע מאל געזאגט, אז איך בעהט מ'זאל זיך פירן אזוי ווי אין די פריערדיגע צייטן, מ'זאל איינפירן אין אונזערע שולן דער סדר התפלה מיטן ש"ץ, אזוי ווי עס איז געווען אמאל, יעדע מנין וואס האט געדאוונט, האט אנגעהויבן פון ברכות השחר. אין אנהויב זאגט דער ש"ץ די ברכות און נאכדעם זאגט יעדער פאר זיך, **און א ירא שמים איז זיך משתדל צו הערן פון נאך עטליכע מענטשן די ברכות השחר, כדי צו ענטפערן נאך זיי 'ברוך הוא וברוך שמו' און 'אמן'.** ביי מיין הייליגן צאנזער זיידע זי"ע איז געווען א באשטימטע זאך, אז איינער - און עטליכע מאל צוויי - פון די קינדער האבן געזאגט פאר אים די ברכות השחר, צי פון זיינע הייליגע קינדער קליינערהייט, צי איינער פון זיינע אייניקלעך, צי א אנדער קינד".

'שפע חיים' תורה ומועדים חלק יט עמ' שנו




ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

# תענה אמונים

א בליק איבער די מעלה
פון 'השכמת בית המדרש'

## ובהיכלו כולו אומר כבוד (ג')

### דער פלאץ צום דאווענען - אין בית הכנסת

נאך וואס מיר האבן אינעם פריערדיגן ארטיקל ערקלערט די גרויסע מעלה פון תפילה וואס ווערט געדאוונט מיטן ציבור. ווילן מיר אין דעם ארטיקל ארום רעדן איבער די וויכטיגקייט, און אויך אויפן חוב, צו דאווענען דווקא אין א פלאץ וואס איז באשטימט צום דאווענען, אין די שוהל, סיי ביחיד און סיי בציבור.

אין גמרא (ברכות ו א) טרעפן מיר: "אין תפלה של אדם נשמעת אלא בבית הכנסת, שנאמר (מלכים א' ח כח): 'לִשְׁמֹעַ אֶל הָרִנָּה וְאֶל הַתְּפִלָּה' - במקום רנה ["דאס מיינט א שוהל, וואו דארט זאגט דער ציבור שירות ותשבחות" (רש"י)] שם תהא תפילה".

[אין הגהות 'חכמת מנוח' (ברכות ו א) ערקלערט ער אין נאמען פון ספר 'שערי אורה', אז אלע תפילות וואס א מענטש דאוונט ביחידות בלייבן ערגעץ וואו אויפן וועג און ווערן נישט אויסגעהערט, ביז ער וועט דאווענען איין תפילה אין שוהל, און דעמאלטס וועלן אלע תפילות אויסגעהערט ווערן].

דער רמב"ם (תפלה ח א, ע"פ 'לחם משנה' שם) פסק'נט טאקע אזוי, און ער שרייבט: כאטש יעדע תפילה קען אנגענומען ווערן, אבער אין די שוהלן ווערט זי שטענדיג אנגענומען, און אפילו א תפילה פון א יחיד ווערט דארט אנגענומען. צוליב דעם איז גע'פסק'נט אין שולחן ערוך (או"ח צ ט, כדעת הגאונים שהביא רבנו יונה ברכות ד א מדה"ר, וראה בטור שם) אז אויך ווער עס האט געהאט א אונס און האט נישט געדאוונט מיטן ציבור, איז בעסער ער זאל דאווענען אין שוהל ווי ער זאל דאווענען אין זיין שטוב, ווייל דאס איז א באשטימטע פלאץ אויף די תפילות פונעם ציבור.

און אזוי איז מסביר רבי יהושע אבן שועיב אין זיינע דרשות (פרשת שמיני): "און ווייל דאס דאווענען איז א הייליגע זאך, האט מען באשטימט זיין פלאץ אין בית הכנסת און אין בית המדרש. און כאטש עס ווערט אנגענומען אין יעדע פלאץ, ווערט עס ענדערשט אנגענומען און אויסגעהערט אין א הייליגע פלאץ וואס טראגט דעם נאמען 'בית אלקים'".

### עס איז א חוב צו דאווענען אין שוהל

מער פון דעם שרייבן די קדמונים (ראה שאילתות דרב אחאי ויצא כב) אז דאווענען אין שוהל איז נישט נאר א מעלה, נאר עס איז טייל פון דער חיוב פון תפילה. אויך דער בעל 'הלכות גדולות' (הל' ברכות דף נו) שרייבט אז דאווענען אין שוהל איז בגדר חובה, און צו דעם האט ער צוגעשטעלט דעם פסוק (בראשית כח יא): "וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם" [ער האט געדאוונט אין א פלאץ וואס איז מיוחד צום דאווענען], אזוי ווי די גמרא דרש'נט (ברכות כו ב): "אין פגיעה אלא תפילה".

און די אויבנדערמאנטע ווערטער טרעפן מיר אויך קלאר אין ירושלמי (ברכות פ"ד ה"ד): "א מענטש דארף דאווענען אין א פלאץ וואס איז באשטימט צום דאווענען, פארוואס? אזוי ווי עס שטייט (שמות כ כא, ראה רש"י ובעל הטורים): "בְּכָל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַזְכִּיר אֶת שְׁמִי [אָבוֹא אֵלֶיךָ וּבֵרַכְתִּיךָ]" - עס שטייט נישט 'אשר תזכיר את שמי', נאר: 'בכל המקום אשר אזכיר'" [ד.מ. וואו די שכינה וועט דארט זיין].

עס איז אינטערעסאנט אנצייכענען אז דער תרגום יונתן אויפן פסוק (שמות יח כ): "וְהוֹדַעְתָּ לָהֶם אֶת הַדֶּרֶךְ יֵלְכוּ בָהּ", טייטש ער: און דו זאלסט זיי צו וויסן טון די תפילות וואס זיי וועלן דאווענען **אין די שוהלן**. און עס קען זיין אז פון דא קען מען אויך ארויס לערנען דעם חיוב פון דאווענען אין א שוהל.

און עס זענען באקאנט פאר יעדן די ווערטער פונעם רמב"ן אין זיין פירוש אויף תורה (שמות יג טז) "שאין א-ל עליון חפץ בתחתונים מלבד שידע האדם ויודה לאלקיו שבראו" דעריבער האט מען מתקן געווען צו דאווענען דווקא אין שוהל וואו עס פארזאמלען זיך אסאך מענטשן, כדי די זאך זאל געטון ווערן בפרסום, און אזוי ווי זיין לשון איז: "שיהיה לבני אדם מקום יתקבצו ויודו לא-ל שבראם והמציאם, ויפרסמו זה, ויאמרו לפניו בריותיך אנחנו".

### די סגולה פון דאווענען אין שוהל

די חכמים זכרונם לברכה האבן זייער שטארק גערעדט איבער די מעלה און די סגולה פון דאווענען אין שוהל, אזוי ווי מיר טרעפן אין ירושלמי (ברכות פ"ה ה"א) רבי פנחס האט נאכגעזאגט אין נאמען פון רבי הושעיא: "דער וואס דאוונט אין שוהל איז גערעכנט ווי ער וואלט מקריב געווען א מנחה טהורה". נאך ווערט געברענגט אין מדרש (ילק"ש תהלים תתלג) אז: "יעדער וואס גייט אריין אין שוהל אויף דער וועלט וועט זוכה זיין אין עולם הבא אריינגיין אין שוהל, אזוי ווי עס שטייט (תהלים פד ה): 'אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה'".

פון די צווייטע זייט ווערט געברענגט אין ירושלמי (שם) די הארבקייט פון דער וואס דאוונט נישט אין שוהל: "רב חונה האט געזאגט: יעדער וואס גייט נישט אריין אין שוהל אויף דער וועלט וועט לעתיד לבא נישט אריינגיין אין שוהל...".

אין גמרא (ברכות ח א) ווערט אויך געברענגט די ווערטער פון ריש לקיש אין דעם ענין: "יעדער וואס אין זיין שטאט איז דא א שוהל און ער גייט דארט נישט אריין דאווענען - ווערט אנגערופן א שכן רע... און נישט נאר דאס, נאר ער ברענגט אויך צו אז ער און זיינע קינדער וועלן גיין אין גלות". און אין 'ערוך השולחן' (או"ח צ טו) ערקלערט ער אז דער שטראף איז 'מדה כנגד מדה'; ער איז געווען פויל צו גיין צו א נאנטע פלאץ, צום שוהל, דעריבער וועט ער געצווינגען זיין גיין אויף א ווייטע פלאץ.

נאך ווערט געברענגט אין 'ירושלמי' (שם) אויף דער וואס דאוונט אין זיין שטוב: "רבי יוחנן האט געזאגט, דער וואס דאוונט אין זיין הויז איז עס גערעכנט 'כאילו מקיפו חומה של ברזל'...". ערקלערט מהר"י ענגיל אב"ד קראקא אין 'גליוני הש"ס' (על הירושלמי שם, וכעי"ז פירש מהר"ש סיריליאו שם), אז דער וואס דאוונט נישט מיטן ציבור אין שוהל נאר אין זיין שטוב, איז עס גערעכנט ווי עס נעמט אים ארום א אייזענע מויער וואס האלט אפ זיין תפילה פון ארויף גיין.

און אין ספר 'דרך משה' (ליום ח') שטייט: "עס נישט געגעבן געווארן קיין רשות דערמאנען השי"ת'ס נאמען, נאר אין שוהל, און יעדער מענטש וועט מודה זיין אויפן אמת אז אלע גזירות און אלע צרות זענען געקומען אויף כלל ישראל ווייל זיי דאווענען נישט אין שוהל".

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## בשיר וקול תודה נברך לאלוקינו

דער שוהל 'שתילי זיתים' איז פון די באקאטנע שוהלן אין בני ברק. אסאך מענטשן דאווענען דארט יעדן טאג, ווען אסאך פון זיי נעמען א טייל אין דעם מנין 'ותיקין' וואס קומט דארט פאר.

אונזער בעל המעשה, הרב עזרא מזרחי שליט"א, איז דער קביעות'דיגער חזן העכער צוואנציג יאר. יעדן טאג, א גאנץ יאר, שטייט ער ביים עמוד אין די באשטימטע צייט און איז מיט זיין איינגענעמע שטימע פירט ער אן דעם מנין, אזוי אן קיין ענדערונג אין לויף פון אסאך יארן.

צוליב דעם, וואס דער עולם איז שוין צוגעוואוינט צו דעם חזן און צו דעם נוסח, יעדע טויש אין די קביעות'דיגע סדר פונעם דאווענען, טוהט אויפמערקזאם מאכן די פילע מתפללים, אזוי ווי עס האט טאקע פאסירט ארום פיר יאר צוריק, ווען אין א העלן אינדערפריה האט רבי עזרא אנגעהויבן זינגען דעם קאפיטל 'מזמור לתודה' וואס מ'זאגט נאך 'ברוך שאמר'.

נאכן דאווענען האט ער ערקלערט פאר די מתפללים וואס האבן זיך צוזאמגענומען ארום אים מיט א נייגעריקייט, דארשטיג צו הערן די סיבה פון די נייע מנהג:

"נעכטן בין איך פארצופאל געוואר געווארן א אפענע הלכה וואס איז נישט אזוי שטארק באקאנט, אבער עס איז קלאר גע'פסק'נט אין שולחן ערוך (או"ח נא ט): 'מזמור לתודה - יש לאומרה בנגינה, שכל השירות עתידות ליבטל חוץ ממזמור לתודה'. ד.מ.: דער וואונדערליכער קאפיטל וואס ברענגט שטארק ארויס די אינערליכע לויב וואס מיר פילן צום אויבערשטן, און מיר זענען געוואוינט עס צו זאגן כבדרך אגב, דארף מען עס זאגן אויף א אנדערן וועג - מיט א ליד וואס ברענגט ארויס די חשיבות פון דער קאפיטל".

"וואס איז ענקער מיינונג אויף דעם אז פון היינט זאלן מיר עס זאגן ווי עס דארף צו זיין, מיט א ניגון?" - האט רבי עזרא אנגעטראגן פאר די מתפללים. "איך וועל משתדל זיין עס צו זינגען מיט א שנעלע און א לעבעדיגע ליד וואס וועט נישט אויפהאלטן דאס דאווענען" - האבן ער פראבירט צו בארואיגן עטליכע פון די מתפללים וואס אויף זיי האט זיך דערקענט אשטיקל זארג; עס האנדלט זיך דאך פון א מנין וואס אסאך פון די מתפללים יאגן זיך צו זייער ארבעט.

רבי עזרא האט זיך געפריידט צו זעהן אז אלע מתפללים האבן צוגעשטימט צו זיין פארשלאג. אלע האבן זיך געפריידט צו זיין א שותף אין מקיים זיין די אומבאקאנטע הלכה, און איבערהויפט ווען זיי האבן געוואוסט אז דער קאפיטל גייט מען זינגען מיט א לעבעדיגע ליד, און מיט די זיסע שטימע פונעם געשעצטן חזן.

פון יענעם טאג און ווייטער, האבן די מתפללים זיך איינגעוואוינט יעדן אינדערפריה צו הערן ווי דער חזן זינגט דעם קאפיטל 'מזמור לתודה', און אויך נאך וואס זיי האבן זיך שוין צוגעוואוינט צו די פריי'ליכע געזאנג, האט עס זיי דערפרייט יעדן אינדערפריה.

ארום א יאר פון יענעם טאג האט דער חזן, רבי עזרא, אנגעהויבן פלוצלינג פילן אומפארשטענדליכע ווייטאגן. די ווייטאגן האבן אים שטארק געמוטשעט, און זיי זענען נישט אוועק אויך נאכן נעמען אסאך ערליי מעדיצינען וואס בארואיגן ווייטאגן. דער פאמיליע-דאקטער וואס מיט אים האט זיך רבי עזרא אייביג דורכגערעדט האט נישט געקענט ארויפגיין אויף די סיבה פון זיינע ווייטאגן, און ער האט אים געשיקט צו א ספעציאליסט וואס האט אים געשיקט טון אסאך אונטערזוכונגען.

עטליכע טעג נאכן טון די בדיקות, איז רבי עזרא גערופן געווארן צום קליניק פונעם ספעציאליסט צו הערן די רעזולטאטן. קיינער האט אים נישט צוגעגרייט צו די שווערע בשורה וואס ער גייט הערן:

"איך וויל דיר נישט שטארק אנציעהן", האט דער דאקטער אנגעהויבן ווען ער קוקט אריין אין די ענטפער'ס, "אבער עפעס אין די רעזולטאטן קוקט נישט אויס גוט...".

דער דאקטער האט פארגעזעצט קוקן אין די רעזולטאטן, ווען די אנגעצויגנקייט אין דער הארץ פון רבי עזרא וואקסט, און אין ענדע האט ער אויסגעטון זיינע ברילן און די געציילטע ווערטער וואס ער האט געזאגט זענען געפאלן אויף רבי עזרא ווי א דונער אין א העלן טאג:

"הער מיך אויס מיין גוטער פריינד, שוין עטליכע יאר וואס איך בין א דאקטער, און נאך אלץ איז מיר שווער צו דערציילן נישט גוטע נייעס פאר מיינע פאציענטן... די אפשאצונג איז נאכנישט ענדגילטיג, דארפסט נאכאמאל מאכן גרינטליכע אונטערזוכונגען און צוריק קומען נאך דריי וואכן, אבער אינצווישן גרייט דיך צו...".

"היינט צו טאג" - האט דער דאקטער אים פראבירט בארואיגן, "זענען דא זייער פארגעשריטענע באהאנדלונגען וואס דורך זיי וועסטו זיך קענען היילן, ריכטיג אז דו דארפסט זיך צוגרייטן צו נישט א גרינגע סעזאן...".

אין צימער האט געהערשט א טאפנדיגע שטילקייט. רבי עזרא האט פארדייט די ווערטער וואס ער האט געהערט. דער דאקטער האט טאקע נישט קלאר דערמאנט די דערשרעקנדיגע ווערטער, אבער די אפשאצונג איז געווען קלאר און שרעקעדיג - עס האנדלט זיך פון די ביטערע קראנקהייט...

עטליכע מינוט האט אים גענומען זיך צו שטארקן, אבער אין ענדע איז ער אויפגעשטאנען פון זיין פלאץ, זיינע אויגן זענען געווען געוואנדן צום הימל און אין הארץ האט ער אזוי געטראכט: די לעבן ביז יעצט איז געווען וואונדערבאר, איך דאנק דיך אויבישטער, איך גלייב אין דיר אז אזוי ווי ביז יעצט האסטו מיר געגעבן א גוטע און א גליקליכע לעבן, אזוי קענסטו מיר שענקען נאך אסאך יארן, גוטע און גליקליכע.

ארויסגייענדיג פון דעם דאקטער'ס צימער, אן צו וויסן פארוואס, האט ער זיך אונטערגעזינגען דעם באקאנטן ניגון אויף 'מזמור לתודה', און רבי עזרא האט אין דעם געזעהן א הימלישע סימן.

עס זענען אדורך ארום דריי וואכן, ווען רבי עזרא טוט פארזעצן זיין געוועגליכן סדר היום. א טאג פארן גיין צו די אונטערזוכונג איז ער אויפגעשטאנען פריה אזוי ווי זיין שטייגער, און ווען ער האט געזינגען דעם 'מזמור לתודה' אזוי ווי זיין געוואוינהייט, איז ארויף געקומען אין זיין הארץ א געדאנק, וואס באלד נאכן דאווענען איז ער עס געגאנגען אויספירן. נאכן עסן פרישטאג און דערציילט זיין פלאן פאר זיין פאמיליע, איז ער צוגעגאנגען צו די באס-סטאנציע וואס פארט קיין צפת, זיך משתטח זיין אויפן קבר פונעם 'בית יוסף', דער מחבר פון 'שולחן ערוך'.

באלד ווען ער איז אנגעקומען צו די הייליגע ציון, האבן זיך געעפענט די קוואל פון זיינע טרערן; צום ערשט האט ער אנגעהויבן מיט א לויב פון טיפן הארץ אויף די אלע גוטע און שיינע יארן וואס ער האט זוכה געווען ביז אהער, אויף די פאמיליע, אויף די לעבן, אויף די געזונט און די פרנסה, און נאכדעם האט ער אויסגעגאסן זיין הארץ צו השי"ת.

ווי א קינד וואס בעהט זיך ביי א טאטע האט ער אויסגעשמועסט זיין זארג אויף די קריטישע אונטערזוכונג וואס ער דארף מארגן אריבערגיין. ער האט געבעהטן אויף זיך און אויף זיינע קינדער וואס דארפן א געזונטן פאטער, און פלוצלינג איז ארויס געקומען א געשריי פון זיין מויל:

'הייליגער בית יוסף! אסאך הלכות האסטו גע'פסק'נט און דאס אידישע פאלק איז זיי מקיים. איינ'ס פון זיי איז נישט גענוג פארשפרייט און באקאנט, און דאס האב איך גענומען אויף מיר עס מקיים זיין. שוין עטליכע יאר וואס איך בין מקפיד זינגען 'מזמור לתודה'. מיטן אויבערשטנ'ס הילף האב איך זוכה געווען צו מזכה זיין מיט מיר די מתפללים אין מיין מנין וואס לויבן דעם אויבערשטן אזוי ווי עס דארף צו זיין צוזאמען מיט מיר.

א שארפע שווערד ליגט יעצט אויף מיין האלדז, איך בעהט זיי מעורר רחמי שמים פאר השי"ת ער זאל מיך העלפן איך זאל מארגן אריבערגיין די אונטערזוכונג בשלום, וואס אירע רעזולטאטן זאלן אויפווייזן אז איך האב נישט קיין צייכענעס פון א קראנקהייט, נאר געזונט און פרייד, וואס אויף דעם וועל איך קענען ווייטער דאנקען און דאנקען...".

אויך נאכן זאגן עטליכע קאפיטלעך תהלים, האט רבי עזרא זיך נישט בארואיגט, ביז ער האט געזינגען מיט התרגשות דעם קאפיטל 'מזמור לתודה' מיטן באשטימטן ניגון, און נאכדעם האט ער עס נאכאמאל איבערגעזאגט ווען ער שפרינגט און טאנצט מיט א לויב פון טיפן הארץ.

באלד נאכדעם האט ער זיך צוריק געקערט קיין בני ברק. דאס מאל מיט א רואיגע הארץ.

אויפצומארגנ'ס אינדערפריה איז רבי עזרא געגאנגען מאכן די אונטערזוכונג. עס איז געווען א שווערע און עס האט געדויערט אסאך צייט, אבער אין לויף פון די צייט האט רבי עזרא נישט אויפגעהערט פון דאווענען און לויבן... ער האט זיך געשטארקט מיט אמונה און ביטחון, און געווארט אויף די ענטפער'ס.

ווען ער איז ענדליך גערופן געווארן צו דעם דאקטער'ס צימער איז ער איבערראשט געווארן צו זעהן ווי אויפן דאקטער'ס געזיכט דערקענט זיך א צומישעניש. ער האט א לאנגע צייט זיך פארטיפט אין די רעזולטאטן פון די בדיקות, ווען ער שטעלט צוזאם די בילדער וואס זענען געווען פאר אים, און אין ענדע האט ער געזאגט:

"הער גוט צו, אין מיין גאנצע דאקטערישע קאריערע געדעק איך נישט אזא מאדנע פאל" - האט ער אנגעהויבן, ווען ער ווייזט אויף די בילדער; "דאס איז דער בילד פון דריי וואכן צוריק, אין עטליכע פלעצער קענסטו זעהן די געוואוקס, און ווי עס ווערט צושפרייט ארום דעם. אזוי זעהט אויס 'יענע קראנקהייט'... יעצט קוק די נייע בילד - עס איז נישטא קיין צייכן פון די געוואוקס! אויך די בלוט-טעסטן זענען גוט... עס לאזט זיך נישט גלייבן".

"וויאזוי קען אזאנס פאסירן?" - האט דער דאקטער כמעט ווי געשריגן, "וויאזוי קען זיין אז אין דריי וואכן איז דער קערפער צוריק געזונט געווארן, ווי עס וואלט פון פריער קיינמאל נישט געווען?! אויף אזעלעכע ריינע רעזולטאטן טון מיר נישט ווארטן אויך נאך א באהאנדלונג, איבערהויפט אז עס האט אויסגעזעהן זייער א ווילדער געוואוקס...".

דער ספעציאליסט האט פארגעזעצט ארויסברענגען זיין איבערראשונג, אבער רבי עזרא האט נישט געהערט... זיינע אויגן זענען געווען פארמאכט, און זיין מויל האט געזינגען זיין באליבטן ליד:

"מזמור לתודה הריעו לה' כל הארץ...".

'לקראת שבת מלכתא' וישב

עיצובים shay